# אידישע וועלט אויפגעשוידערט פון שרעקליכע טעראר אטאקע אין ביהמ"ד אין הר נוף

**פיר קדושים ברוטאל אומגעברענגט מיט טלית ותפילין אינמיטן שמונה עשרה - אומגעקומענע זענען בנש"ק הקדוש הרה"ג ר' משה טווערסקי הי"ד ראש ישיבת תורת משה אין סנהדרי', הקדוש ר' קלמן זאב לעווין הי"ד, הקדוש ר' אברהם שמואל גאלדבערג הי"ד און הקדוש ר' ארי' קאפינסקי הי"ד - רב הביהמ"ד הגאון ר' יצחק רובין שליט"א מח"ס אורחות שבת בדרך נס ניצול געווארן נאך אטנלויפן פון שוהל**

## - ניו יארק פאליציי פארשטארקט וואך ביי בתי מדרשים -

יעדער איז ערשיטערט פון די שרעקליכע טראגעדיע וואס האט זיך אפגעשפילט דינסטאג צופרי אין א שוהל אין די הר נוף געגענט פון ירושלים, ווען צוויי פאלעסטינער רוצחים זענען אריין אין א שוהל אינמיטן תפלת שחרית, און האבן דארט אומגעבראכט 4 חשוב'ע אידן, און פארוואונדעט 8 אנדערע. זיי האבן גענוצט א גאן און אויך א גרויס מעסער מיט וואס מען שניידט פלייש, ביים פארשניידן די אידישע לעבענס, הי"ד.

די מערדער זענען טאקע דערשאסן געווארן צום טויט, אבער דאס איז קיין שום טרייסט אויף דעם גרויסן אומגליק פאר אידן איבעראל בכלל און פאר די פרישע אלמנות ויתומים בפרט.

עס איז שווער צו שילדערן די הארצרייסענדע לוויות, אבער וויפיל מען שטעלט זיך אליין פאר, איז נאך ערגער געווען, פילפאכיג ערגער און מער הארצרייסענד.

דער אנפאל האט אויך געברענגט א פרישע שרעק אז דער "הר הבית אינטיפאדא" גייט ליידער אריין אין אן ערנסטערע פאזע. מיר האבן שוין ביי די פריערדיגע אינצידענטן אנגעוויזן אז עס איז נישטא קיין עצה צו פארמיידן קאר "עקסידענטס", מיט וואס די טעראריסטן האבן זיך אנגעהויבן צו באנוצן, אין זייערע אנפאלן. איצט איז צוגעקומען די פרישע צרה, אז אראבישע איינוואוינער פון ירושלים זעלבסט גייען ארויס אויף טעראר אקציעס, ווייל זיי שפירן זיך מער געטראפן פון די איזראעלי הר הבית אקטיוויסטן, וואס יענע ווילן צונעמען פון די אראבער דעם הר הבית, און טייל רעדן אפילו פון בויען א בית המקדש (רח"ל), דעריבער זענען די אראבער פון ירושלים געווארן מער אקטיוו אין זעלבסטמארד און אנדערע טעראר אקציעס. אויב מדינת ישראל האט אנעקסירט די אראבישע מזרח ירושלים, איז דאך אלעס איין שטאט, קען מען נישט געהעריג פארהיטן פון קיין אראבישע טעראר אקציעס.

דער אינצידענט ווערט איצט מער אויספירליך באשריבן - עס קומען נאך אריין פארשידענע פרישע באריכטן - און עס וועט אי"ה ערשיינען אין "די צייטונג" מיטוואך צופרי. מיר האבן דא בלויז צוגעשטעלט קורצע שטריכן און עטליכע בילדער פון די טראגעדיע, און השי"ת זאל אונז מנחם זיין אויף דעם וואס איז שוין געשען און פארהיטן אונז פון צרות אויף ווייטער.

*

"איך האב אין מיין לעבן אזא שוידערליכע טעראר אטאקע נישט געזען", מיט אט די ווערטער הויבט הרב בנציון אויערינג פון זק"א אן זיין שילדערונג איבער די שוידערליכע ברוטאלע בלוטיגע בלוט-באד אטאקע וואס האט ליידער פאסירט אין די הר נוף געגענט אין ירושלים עיה"ק דעם דינסטאג צופרי.

דאס הארץ בלוטיגט, און פארפעלט א קלאפ ווען איין וואך נאכ'ן אנדערן דארפן מיר ליידער באריכטן איבער שוידערליכע אטאקעס אין דעם נייעם "הר הבית אינטיפאדא", אנגעהויבן פון א רייע קאר אטאקעס, אבער לייד‌ער והאחרון הכביד, די איצטיגע טעראר אטאקע אין קהל בני תורה אין הר נוף שטייגט ליידער איבער אלע פריערדיגע אטאקעס, אין פארם וואס האט אויפגעשוידערט די גאנצע אידישע און אפילו להבדיל נישט אידישע וועלט, ווען אידן בני תורה "קדושים ביים לעבן" ווי הגאון רבי שמואל אויערבאך שליט"א האט זיי באטיטעלט, זענען ליידער ברוטאל און מערדערליך אומגעברענגט געווארן אינמיטן שמונה עשרה, מעוטר מיט טלית און תפילין, א זאך וואס האט אויטאמאטיש געעפענט א פאראייטערטע וואונד פון העכער 70 יאר צוריק, פון דעם באקאנטן בילד ווי אזוי א איד ווערט א קדוש דורך די דייטשן ימ"ש אנגעטוען מיט טלית און תפילין.

די איינצעלהייטן זענען אזוי גראפיש, די געפילן זענען אזוי איבערגענומען, די אויגן אזוי באנעצט מיט א פלייץ פון טרערן, די קאלטע שטיינערנע פאדלאגע אין הר נוף איז אוועקגעריקט געווארן פון פלאץ ווען עס האט אויף איר פאסירט אן ערדציטערנייש פון געפילן אויסבראך ווען 24 פרישע יתומים האבן אויף איינמאל ארויפגעטרעטן אויף די זעלבע גאס וואו אלע 4 קדושים האבן געוואוינט.

*

דאס גיט א שטיקל באגריף פון וואס עס איז פארגעקומען.



הקדוש ר' אברהם שמואל גאלדבערג הי"ד



הקדוש ר' קלמן זאב לעווין הי"ד



הקדוש ר' משה טווערסקי הי"ד



הקדוש ר' ארי' קאפינסקי הי"ד



די הארצרייסענדע לוויות ביים ביהמ"ד



ב"ה

מטעם רבותינו כ"ק מרן הגאב"ד והגאוה"צ הביד"צ שליט"א

**אם יהרגו במקדש ה'**

נטל סכין ותקעו לו בלבו, עמד רבי צדוק על מעלות האולם ואמר אחינו בית ישראל שמעו, הרי הוא אומר כי ימצא חלל באדמה ולא נודע מי הכהו, אנו על מי להביא עגלה ערופה על העיר או על העזרות, געו כל העם בבכיה (יומא כג.)

**רצח מזעזע כל לב קרה היום בבית כנסת בעת התפלה כאשר גוים הרגו יהודים תלמידי חכמים ותמימי לב ישרים בלבותם זכר צדיקים לברכה הי"ד, ונפצעו כמה השי"ת ישלח דברו וירפאם בתשח"י, והוא נוסף על מקרים נוראים של הריגות מחרידות כל לב שקרו בתקופה האחרונה לדאבון לב.**

גזירת שמים היא עלינו. וחייבים אנו לפשפש במעשינו, וכדברי הרמב"ם (ריש הל' תענית) מצות עשה מן התורה לזעוק ולהריע בחצוצרות על כל צרה שתבא על הצבור וכו', ודבר זה מדרכי התשובה הוא שבזמן שתבוא צרה ויזעקו עליה ויריעו ידעו הכל שבגלל מעשיהם הרעים הורע להן וכו', אבל אם לא יזעקו ולא יריעו אלא יאמרו דבר זה ממנהג העולם אירע לנו וצרה זו נקרה נקרית הרי זו דרך אכזריות וגורמת להם להדבק במעשיהם הרעים.

**ובכן חובה קדושה להתעורר ולהגביר חיילים בלימוד התורה וקיום מצוות, להתחזק ביראת שמים ולהוסיף גדרים בצניעות הלבוש וההנהגה, ולהוסיף משמרת למשמרת במורא מקדש מעט, ועל הרבנים ומנהיגי הציבור לעורר את הקהל ברבים ע"כ.**

ועצור במילין לא נוכל לנוכח גרמא בנזקין רוח הלאומיות אשר התפשטה לעורר שנאת הגויים, ובמיוחד אלו המסיתים ומדיחים רבים לעלות אל הר הבית אשר עוונו כרת כפי שנפסק מכבר, וכל זמן שעם ישראל בגלות אין לו שלטון ואף לא רצון לקחת מאומה מחזקתם, עדי נגאל בקרוב גאולת עולמים ע"י משיח צדקנו.

**וביום חמישי תולדות ז"ך מרחשון תשע"ה הבעל"ט ערב ראש חודש כסלו (מוקדם)**
**יתאספו בבתי כנסת המרכזיים לומר תפלת יוכ"ק ופרקי תהילים ופזמוני הסליחות ישראל נושע וכו' וסליחות ה' ה',**
לעורר רחמי שמים המרובים על עם בנ"י הנשבר והנדכה בגלות עריצים, ובדרציחות והריגות הנ"ל לא תקפ"ץ.

והשי"ת ירחם עלינו לומר לצרתינו די, ובקרוב יעלו מושיעים לשפוט את הר עשיו והיתה לה' המלוכה בביאת גוא"צ הולך תמים בב"א מתוך רחמים וחסדים גדולים.

ובאעה"ח יום כ"ה מרחשון תשע"ה לפ"ק הביד"צ דפעיה"ק ת"ו

נאם **משה שטרנבוך** ראב"ד — נאם **אברהם יצחק אולמאן** — נאם **נפתלי ה' פרנקל**
נאם **יהושע ראזנבערגער** — נאם **יעקב מענדל יאראוויטש** — נאם **יהודה** במוהגרי"י **פישר**

דברי הבד"צ נכונים ונחוצים מאד, ובוודאי חיוב להשתתף כמש"כ למעלה, והקב"ה ישמע לשוועתנו ויאמר לצרות די, ונושע בתשועת עולמים בייאת גואל צדק בב"א.

נאם **יצחק טובי'ה וייס** רב ואב"ד פעיה"ק ת"ו